

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

חקת
תשפ"ב לפ"ק
גליון רכ"ב

### פראגע

## פארוואס איז דער באשעפער באהאלטן פון אונז, און מ'זעט אים נישט אפן?

### ענטפער:

**דער** ענטפער איז, ווייל אויב וואלט ער געווען אפן וואלט זיך נישט געלוינט צו לעבן.

אויב וואלט הקב"ה ארויסגעקומען אין דער עפנטליכקייט און געוויזן זיין אנוועזנהייט, וואלטן אלע איטאליענער געווארן געטרייע עובדי ה'; אלע פּאָרטאָקאַנער אויך. יעדער וואלט געווארן פרום, ווייל אויב קען מען זען דעם אויבערשטן, ווער וועט זיין אזא שוטה און נישט פאלגן?

לאמיר זאגן אז עס איז דא א פאליציאנט וואס שטייט מיט א ביקס פארנט פון דיר און ער זאגט, "הייב אויף דיינע הענט, אז נישט שיס איך." וואו וואלטן דיינע הענט געווען? אין טאש?...

דערפאר, אויב וואלט זיך דער אויבערשטער באוויזן, וואלט זיך דיר געקומען קרעדיט פאר'ן אים פאלגן? און אויב אזוי וואלט זיך נישט געלוינט די גאנצע וועלט! אויב פארדינט מען גארנישט מיט די בחירה, אויב דארף מען נישט אויסקלויבן צו זיין ערליך מיט'ן אייגענעם פרייען ווילן, וואס איז די גאנצע פשט פון לעבן?

אויף יענער וועלט, נאכדעם ווען אלעס וועט זיין פארריבער און עס וועט מער נישט זיין קיין בחירה חפשית, דעמאלטס וועט זיך דער אויבערשטער באווייזן מיט זיין פולן פראכט, און **"צדיקים יושבים ועטרותיהם בראשיהם ונהנים מזיו השכינה"** – די צדיקים וועלן זיצן און קוקן פארגאפט אויף די שיינקייט פון די שכינה און דאס וועט זיין זייער גליקליכקייט.

אבער אויף דער וועלט וואלט עס געווען די **ערגסטע זאך** פאר אונז אויב דער אויבערשטער וואלט זיך באוויזן אפן. **אונזער ארבעט איז אים צו אנטפלעקן פון די פלעצער וואו ער באהאלט זיך.**

(#417)

### פראגע

## טוען מיר נישט טשעפען די געפילן פון גוים ווען מיר ווילן נישט עסן מיט זיי? ברענגט דאס נישט נאכדעם אז זיי זאלן אונז פיינט האבן?

### ענטפער:

**לאמיר** זאגן דו ביזט א קעניג. דו זיצט אין דיין פאלאץ און אינדרויסן שטייט עפעס אן אורחי פורחי, ער האלט א שטעקן אויף זיינע פלייצעס פון וואו עס הענגט אראפ א טאפ. אינעם טאפ קאכט זיך עפעס א קאשע, און ער שרייט ארויף צום פאלאץ פונעם קעניג, "קום אראפ דא, לאמיר צוזאמען עסן."

דער קעניג האט נישט קיין ברירה, ער מוז טשעפען דעם ליידיגגייערס געפילן. ווייל דאס איז די אויפגאבע פון א קעניג, צו שעצן די כבוד פון זיין קעניגרייך און אנהאלטן דעם חשיבות פון א קעניג.

דער אויבערשטער זאגט פאר א איד אז די איין זאך קענסטו דיך נישט העלפן. דו דארפסט בלייבן אפגעטיילט. "**כל ישראל בני מלכים**" – אלע אידן זענען פרינצן. און דערפאר – זאגט דער אויבערשטער – געב איך אייך א ספעציעלן דיעטע, א קעניגליכע

דיעטע, און איר קענט נישט נאכגעבן אייער חשיבות אפילו פאר'ן צוועק פון זיין גוטהארציג. איר וועט מוזן זיין גוט צו גוים אויף אנדערע וועגן.

דו ווילסט זיין גוטהארציג? וועסט מוזן טרעפן אנדערע וועגן. ווען דו גייסט אראפ פון די באס און א קאלירטער מענטש פארנט פון דיר האלטן אן די באס-טיר פאר דיר, וועסטו ארויסווייזן דיין גוטסקייט דורכ'ן זאגן "א דאנק." אנשטאט אים אריינגעמען אין א רעסטוראנט ביים ווינקל צו עסן מיטאג מיט אים, געב אים א שיינעם שמייכל און זאג – "א דאנק."

זיי שמייכלדיג צו יעדן, און זארג דיך נישט. אויב ביזטו גוט און העפליך צו יעדן, וועלן זיי פארשטיין און דיר רעספעקטירן פאר'ן זיין געטריי צו דיין רעליגיע. און דו וועסט זען אז וועסט נאך באקומען מער כבוד ווי דו וואלסט באקומען, ווען דו וואלסט פארקויפט דיין רעליגיע בלויז פאר'ן צוועק פונעם זיי חנפ'ענען.

די פאקט איז, אז א איד וואס האלט די תורה, באקומט אלעמאל אנערקענונג פון גוים. אזוי האט עס הקב"ה אויספלאנירט. מענטשן רעספעקטירן מענטשן וואס האבן פרינציפן.

איר ווייסט ווען זיי ווערן געטשעפעט? ווען מען פירט זיך אויף שלעכט און ווילד. ווען מען נוצט זיי אויס אדער מען איגנארירט זיי אדער אנדערע זאכן. אבער ווען מען איז העפליך אבער מען האלט אן די פרינציפן, וועט איר אלעמאל געווינען און נאך פארדינען שעצונג. (#417)

## פראגע

### פארוואס האלט איר אלעמאל א פלאש וואסער ביי אייער פלאץ?

**ענטפער:**

**א** לאנגע צייט צוריק האט א גרויסע געשעפט ארויסגעלייגט די וואסער פאר סעיל; עס איז געווען פשוט'ע שטאט-וואסער. עס איז געווען א גלאררייכע געלעגנהייט פאר מענטשן אריינצוטראכטן ווי גליקליך זיי זענען, זיי האבן ריינע וואסער צו טרונקען!

ווען איך בין געקומען קיין אייראפע, האט מען נישט געקענט טרונקען סתם וואסער דארט אין ליטא, קיינער האט נישט געטרונקען קיין וואסער פונעם ברונעם; עס איז גערופן געווארן – רויע וואסער. מען האט עס קודם געדארפן אויפקאכן. אויב האט מען געוואלט טרונקען וואסער, האט מען עס געמוזט קאכן אין א טיי-קעסל; מען האט נישט געקענט טרונקען סתם וואסער פונעם ברונעם.

איך האב דעמאלטס צוריקגעקוקט צו די גוטע אלטע טעג אין אמעריקע – פון וואו איך בין געקומען – וואו מען האט געקענט טרונקען וואסער פונעם קראן. איך ווייס נישט אויב היינט אין ניו יארק איז עס נאך אזוי, אבער עס איז געווען א צייט ווען מען האט געקענט טרונקען אין ניו יארק וואסער פונעם קראן. **און אויסטערלישע ברכה!** מיר דארפן דאנקען הקב"ה פאר די פריווילעגיע. **אודאי דארפן מיר דאס אלעמאל האלטן פאר די אויגן.** מיר פארגעסן ווי א גרויסע שמחה עס איז צו האבן גענוג וואסער.

איך געדענק א מעשה פון א טוריסט אין עגיפטן שוין לאנג צוריק; ער האט געוואלט טרונקען וואסער, און אויפ'ן גאס איז געשטאנען א מענטש מיט א פלאש פון ציגן-הויט פול מיט וואסער און ער האט עס פארקויפט פאר 10 צענט. ער האט אנגעפילט א גלאז וואסער פון די ציגן-פעל – עס האט געהאט א טעם פון ציגן-הויט... ווען דער טוריסט האט געכאפט א בליק אינעם גלאז האט ער געזען אז די וואסער איז ברוין. האט ער געזאגט "איך קען נישט טרונקען וואסער פון אזא גלאז." האט דער פארקויפער געזאגט, "פארוואס נישט? יעדער איינער טרונקט דא פון דעם! און זיי זענען צופרידן צו האבן די וואסער פאר 10 צענט א גלאז."

איז ברוך ה' אז מיר קענען טרונקען פון א ריינע גלאז, וואסער וואס איז ריין, און עס האט א טעם פון וואסער. ברוך ה'! צי דארפן מיר נישט זיין דאנקבאר פאר דעם? מענטשן פארגעסן דערפון. ברוך אתה ה' שהכל נהיה בדברו!! און געוואוינט אייך צו הנאה צו האבן פון וואסער.

בדרך אגב, עס איז זייער געזונט צו טרונקען וואסער.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com


דער צווייטער באנד!
פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן
ארויס פון דרוק!
מהדורת שלמה
רבי אביגדור
ענטפערט
2
אייגנארטיגע תשובות אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
מהדורת שלמה
רבי אביגדור ענטפערט
2
אידיש!
פרישע הונדערטער
פראגעס און ענטפערס
אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה
דערקוויקט אייער
מח און נשמה!
פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל










$1
א וואך
מועדים $3

בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב